בעזהשי"ת

# א חסידישע מלוה מלכה

## מיט הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א

## סיפורי צדיקים מקוריים בטוב טעם ודעת

גליון קכ"ו / סיפורי צדיקים יארצייטן השבוע / פרשת בהעלותך / סיון תשפ"ו

## אור שבעת הימים

## דער בעל שם טוב הק' זצוקללה"ה

(חלק ב')

### די בונדלעך וואס קאכן זיך נישט...

הרה"ק רבי **מאטל סלאנימער** זצ"ל האט דערציילט:

אמאל איז דער בעל שם טוב איינגעשטאנען ביי א דארפס איד. ווען ער איז אוועקגעגאנגען פון דארט האט ער געבעטן מען זאל אים מיטגעבן אביסל געלט. דער איד איז געווען זייער ארעם, האט ער זיך פארענטפערט אז ער האט נישט. ער האט געהאט א צעריסענע דעקע, האט ער דאס געגעבן פארן בעל שם טוב.

ווען דער בעל שם טוב הק' איז אהיימגעקומען מיט דער צעריסענע דעקע, האט די רביצין פונעם בעל שם טוב געפרעגט פון וואו ער האט גענומען די דעקע, אבער דער בעל שם טוב האט נישט געענטפערט.

יענע נאכט ווען דער דארפס איד האט זיך געלייגט שלאפן האט ער זיך צעקרעכצט, און געזאגט: "רבונו של עולם העלף מיר, יעצט האב איך שוין גארנישט, די איינע זאך וואס איך האב געהאט האב איך אויך אוועקגעגעבן פארן רבי'ן".

אינמיטן האט אריינגעקלאפט א גוי'אישער שכן, און געזאגט אז ער האט עפעס פארדארבענע בונדלעך, ער קאכט זיי שוין עטליכע טעג, און זיי ווערן נישט ווייך... איך דארף דאס נישט, האט דער גוי' געזאגט.

דאס זענען געווען טייערע דיאמאנטן און בריליאנטן, פון וואס דער דארפס איד איז געווארן זייער רייך.

ווען דער איד איז געקומען צום בעל שם טוב און דערציילט די מעשה, האט דער בעל שם טוב געזאגט צו די רביצין: "נו, פארשטייסטו שוין פארוואס איך האב גענומען די דעקע פון אים?!"

### גע'פטר'ט דעם איד פונעם דין אויף יענער וועלט

נאך האט **הרה"ק רבי מאטל סלאנימער זצ"ל** דערציילט: אמאל האט דער בעל שם טוב גערופן א יונגערמאן זאל קומען צו אים. אבער דער יונגערמאן, זעט אויס ער איז נישט געווען קיין חסיד, איז נישט געקומען. שפעטער האט ער זיך מיישב געווען, אויב דער בעש"ט רופט גייט מען, און ער איז געקומען. דער בעל שם טוב האט אים זייער מקרב געווען, און זיך געזעצט עסן א סעודה מיט אים.

אינמיטן דער סעודה האט דער בעל שם טוב געגעבן א קלאפ מיט ליבשאפט אויף יענעמ'ס אקסל.

שפעטער איז דער יונגערמאן קראנק געווארן, און ער איז נפטר געווארן, רח"ל.

האט דער בעל שם טוב געזאגט: "אויב וואלט ער געקומען גלייך ווען איך האב אים גערופן, וואלט איך געקענט פועל'ן פאר אים אריכת ימים. אזויפיל האב איך גע'פועל'ט פאר אים [מיטן קלאפ אין אקסל], אז אויף יענע וועלט האט מען אים גע'פטר'ט מן הדין".

### דער שוחט איז זיך מודה

אין ספר **קובץ אליהו**, פון **הרה"ג רבי חיים אלי' שטערנבערג ז"ל**, א רב אין דער עדה החרדית, ווערט דערציילט: דער בעל שם הק' האט אמאל געזאגט פאר א שוחט, אז ער זאל אים ברענגען א קאפ פון א בהמה וואס ער האט היינט געשאכטן. ווען ער האט געברענגט דעם קאפ, האט דער בעל שם טוב געהייסן ער זאל אפציילן וויפיל ציינער זענען פארהאן אין דעם בהמה'ס מויל. דער שוחט האט געעפנט דאס מויל, ער האט אריינגעלייגט די פינגער, און געוואלט אנהויבן ציילן.

אבער אזוי ווי ער האט אריינגעלייגט זיין פינגער, האט די בהמה גלייך צוגעמאכט דאס מויל. דעם איד'ס האנט האט זיך פארקלעמט דארט, און ער האט אנגעהויבן שרייען קולות פון די שרעקליכע יסורים.

האט דער בעל שם טוב געפרעגט: "פארוואס שרייסטו, די בהמה לעבט דאך שוין נישט? רשע, זיי זיך מודה".

האט זיך דער שוחט מתודה געווען, אז ער האט קיינמאל נישט בודק געווען די ריאה. דער בעל שם טוב האט דאס מרגיש געווען, און אים געגעבן א תשובה.

### וואס הייסט א רבי'?!

עס שטייט אין ספר **ספרן של צדיקים** וואס ער האט געהערט פון **הרה"ק רבי ירחמיאל משה מקאזניץ זצ"ל**: אמאל איז **הרה"ק רבי ר' ברוכ'ל זצ"ל** געפארן אויפן וועג, און זיין תלמיד, רבי לייבוש ז"ל, איז מיטגעפארן מיט אים. רבי ר' ברוכ'ל האט געהאלטן אינאיין דערציילן מעשיות פון זיין זיידן, דער בעל שם הק', און ער האט מרגיש געווען אז דער תלמיד גלייבט נישט אין די אלע פלא'דיגע זאכן פונעם בעל שם הק'.

ווען זיי זענען אנגעקומען אין א דארף האט רבי ר' ברוכ'ל געגעבן זיין לולקע צו דעם תלמיד, און אים געבעטן ער זאל גיין אין איינע פון די הייזער בעטן מען זאל אנצינדן די לולקע.

אזוי ווי דער תלמיד איז אראפגעגאנגען פון וואגן, האט רבי ר' ברוכ'ל געהייסן שמייסן דעם פערד און ווייטער פארן, איבערלאזנדיג דעם תלמיד הינטער זיך.

דער ר' לייבוש האט געזען אז ער האט נישט וויאזוי צו פארן ווייטער, האט ער אנגעהויבן גיין צופיס. אינצווישן האט אנגעהויבן פאלן א גאס רעגן. ביינאכט איז ער אנגעקומען נעבן מעזיבוז, דורכגעווייקט נאס פונעם רעגן. ביים ערשטן הויז וואו ער איז אנגעקומען האט געוואוינט אן אלטער איד, איז ער אריינגעגאנגען

זיך דערווארעמען אביסל, און ער האט אים געגעבן א בעט צו שלאפן.

האט דער אלטער איד געפרעגט וואו ער פארט. האט ער געענטפערט אז ער פארט צו זיין רבי'ן וואס וואוינט דא. "ווער איז דיין רבי וואס וואוינט דא?" האט דער אלטער איד געפרעגט. "איר ווייסט נישט?" האט זיך דער תלמיד געוואונדערט, "איך בין געקומען צו רבי ר' ברוכ'ל, דער אייניקל פונעם בעל שם טוב הק'."

זאגט דער אלטער איד: "ביים בעל שם טוב הק' בין איך געווען, ער איז געווען א רבי. אבער רבי ר' ברוכ'ל, אים קען איך נישט".

האט דער אלטער איד דערציילט: איינמאל בייננאכט האב איך געהאט א בקשה, בין איך געגאנגען צום בעל שם טוב הק'. אזוי ווי איך בין אנגעקומען ביים בעל שם טוב אין שטוב, האב איך אים געזען זיצן אויף זיין פלאץ, און דער גאנצער עולם שטייט מיט קוויטלעך און פדיונות. האב איך מיך אויך אוועקגעשטעלט דארט ווארטן. ווען עס איז אנגעקומען חצות, האב איך פארשטאנען אז יעצט איז נישט קיין שעת הכושר צו רעדן צו אים, בין איך געגאנגען אין בית המדרש אפרעכטן תיקון חצות.

אנקומענדיג אין בית המדרש זע איך דעם בעל שם טוב זיצן מיט די תלמידים אפרעכטן תיקון חצות. זעענדיג דאס בין איך זייער פארוואונדערט געווארן: איך האב דאך יעצט געזען דעם בעל שם טוב אין שטוב?! בין איך צוריקגעלאפן אין שטוב, און איך האב געזען ווייטער אז ער זיצט ביי זיך אינדערהיים אזוי ווי פריער. האב איך פארשטאנען אז דאס הייסט א רבי.

אינדערפרי ווען ר' לייבוש איז אנגעקומען צו רבי ר' ברוכ'ל, האט אים רבי ר' ברוכ'ל געזאגט: "זאלסט וויסן, אליהו הנביא לערנט מיט דעם אלטן איד. יעצט וועסטו שוין גלייבן אינעם זיידן, דער בעל שם טוב הק'."

## צוגעגרייט א בריוו צוואנציג יאר פריער

עס ווערט דערציילט אין ספר **עדת צדיקים**, אמאל ווען דער **אפטער רב** זצ"ל איז געווען אין בארדיטשוב האט ער דערציילט די מעשה:

אמאל איז דער בעל שם הק' געפארן אויף א נסיעה מיט די תלמידים. אינמיטן וועג זענען זיי אנגעקומען אין א דארף נישט ווייט פון בראד, צו איינעם פון דעם בעל שם טוב'ס מקורבים. דער מקורב האט זיי אויפגענומען בכבוד גדול, און צוגעגרייט א גרויסע סעודה לכבודם. איידער דער בעל שם טוב האט זיך געזעגנט מיט אים, האט ער אים געפרעגט צי ער האט א בקשה וואס ער דארף האבן. האט דער בעל הבית געענטפערט, געלויבט איז דער אויבערשטער אז ער פארמאגט אלעס, און ער האט נישט עפעס קיין ספעציעלע בקשה.

אויב אזוי, האט דער בעל שם טוב געזאגט, וועל איך דיר בעטן א קליינע בקשה. אוודאי, האט דער בעל הבית געענטפערט, אלעס וואס דער רבי וועט הייסן וועל איך טון.

דער בעל שם טוב האט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש און געשריבן א בריוו. ער האט עס גע'חתמ'עט און פארזיגלט. אינדרויסן פונעם בריוו האט ער געשריבן אן אדרעס אין בראד, ער זאל דאס איבערגעבן פארן פרנס, דער ראש הקהל, און פאר נאך איינעם. "איך וויל", האט דער בעל שם טוב געזאגט, "אז דו אליין זאלסט פארן קיין בראד איבערגעבן די בריוו פאר זיי".

האט ער געזאגט: "פארשטייט זיך, אז דער רבי הייסט וועל איך אויספירן".

דער בעל שם טוב האט געזאגט אז ער פארט שוין אוועק פון דארט, און ער האט אים געבעטן אז ער זאל אים באגלייטן. ער איז ארויסגעגאנגען העלפן איינשפאנען דעם פערד און וואגן. בשעת מעשה איז דער בריוו ארויסגעפאלן פון דעם בעל הבית, און נישט באמערקנדיג איז עס אריינגעפאלן אין א שאנק.

ווען ער איז אהיימגעקומען האט ער אינגאנצן פארגעסן פון דעם בריוו. שפעטער איז אים אויסגעקומען נאכאמאל צו פארן צום בעל שם טוב, אבער דער בעל שם טוב האט אים גארנישט געפרעגט וועגן דעם בריוו.

עס זענען דורכגעגאנגען עטליכע יאר, דער בעל שם טוב איז שוין אינצווישן נסתלק געווארן, און דאס רעדל האט זיך איבערגעדרייט פאר דעם איד. ער האט יורד געווען מטה מטה פון זיין פרנסה, ביז ער איז זייער פארארעמט געווארן. ער האט שוין ממש פארקויפט אלעס וואס ער האט געהאט.

איין טאג, עס איז שוין געווען זיבעצן יאר נאכן הסתלקות פונעם בעל שם טוב הק', איז ער ארומגעגאנגען אין זיין שטוב זוכן צי ער האט נאך עפעס וואס צו פארקויפן, ער זאל קענען לייזן עטליכע גילדן, ער זאל האבן פון וואס צו לעבן. פלוצלינג האט ער געזען עפעס א בריוול ליגן אין א שאנק.

ווי ער האט דאס געזען איז ער זייער דערשראקן געווארן. ער האט דערקענט אז דאס איז דער בריוו וואס דער בעל שם טוב האט אים באפוילן צו פירן קיין בראד. האט ער געטראכט אז אפשר וועגן דעם איז געשען צו אים די ירידה, און ער האט פארלוירן זיין הצלחה. ער האט זיך נישט געוואגט צו עפענען דעם בריוו, האט ער זיך מיישב געווען צו פארן קיין בראד. אפשר וועט ער נאך טרעפן די מענטשן וואס דער בעל שם טוב האט אים באפוילן זיי איבערצוגעבן די בריוו.

איז ער געפארן קיין בראד, און ער איז איינגעשטאנען אין הקדש אזוי ווי אלע אנדערע ארעמעלייט. און ער האט זיך אנגעהויבן נאכצופרעגן אויף די פרנסים וואס זייערע נעמען זענען געווען אויפגעשריבן אויף די בריוו.

אן אלטער איד דארט האט אים געזאגט אז א פרנס מיט דעם נאמען האט זיך קיינמאל נישט געפונען אין דער שטאט. האט ער אנגעהויבן ארומצופרעגן, און אלע האבן אים געזאגט דאס זעלביגע, אז זיי ווייסן נישט פון קיין פרנס מיט דעם נאמען.

אינצווישן איז געקומען איינער זאגן אז היינט וועלט מען אויס א פרישן פרנס.

פלוצלינג זענען אנגעקומען צוויי קינדער מיט א געשריי: "מזל טוב, ר' פלוני און ר' פלוני" - די צוויי נעמען וואס דער בעל שם טוב האט געשריבן - "זענען געווארן ערוועלט אלס פרנסים אין שטאט!"

דער בעל הבית, דער שליח פונעם בעל שם טוב, האט נאכגעקוקט, ער האט חוקר ודורש געווען, און געזען אז אלע פרטים שטימען, די נעמען און די אדרעסן וואס דער בעל שם טוב האט אים געשריבן. איז ער געגאנגען אין קהל'ישער שטוב, איבערגעבן די בריוו צו זיי. זיי זענען געווען זייער יונגע מענטשן, אין די צוואנציגער יארן.

איז ער צוגעגאנגען צו זיי און געזאגט: "איך האב א בריוו פאר אייך צוויי, פונעם בעל שם הק'."

האבן זיי אויסגעבראכן אין א געלעכטער: "ווי קומט צו אונז א בריוו פונעם בעל שם הק', ער איז דאך שוין נסתלק געווארן זיבעצן יאר צוריק, און מיר זענען אלט נישט מער ווי עטליכע צוואנציג יאר..."

"איך ווייס נישט", האט דער שליח געענטפערט, "דער בעל שם טוב האט מיר געגעבן דעם בריוו, עס איז מיר אויך א פלא, אבער מעשה שהיה כך היה". ער האט דערציילט די גאנצע מעשה, און איבערגעגעבן דעם בריוו פאר די צוויי פרנסים.

האט דער שליח געזאגט "מאכט אויף דעם בריוו, אפשר וועט איר געפינען עפעס א תועלת אין זיי. איך האב מורא עס צו עפענען".

האבן די נייע פרנסים איבערגענומען דעם בריוו און עס געעפנט. איז דארט געשטאנען אזוי: 'להרבני פלוני ולהרבני פלוני' - זייערע נעמען - 'מנהיגי ופרנסי הקהילה, ווען דער איד וואס ברענגט דעם בריוו קומט צו אייך, בעט איך אז איהר זאלט משתדל זיין לטובתו, ווייל ער איז אן עני הגון, אגאנצע לעבן האט ער געלעבט מיט א גרויסע עשירות, און יעצט נעבעך האט זיך דאס רעדל איבערגעדרייט פאר אים. בעט איך אייך זייער שטארק איהר זאלט זיך מתאמץ זיין לטובתו, און אים ארויסהעלפן'.

'אויב גלייבט איהר נישט דעם בריוו גיב איך אייך א סימן, איינער פון אייך וועט מען באלד קומען זאגן אז עס איז געבוירן געווארן צו אים א יונגל, און פארן צווייטן וועט מען קומען זאגן אז עס איז געבוירן געווארן צו אים א מיידל. דאס וועט זיין די ראי' אז איך האב געשיקט דעם בריוו'. אונטן פונעם בריוו איז געווען אונטערגעשריבן די הייליגע נאמען פונעם בעל שם הק'.

נאכפאר זיי האבן געענדיגט ליינען איז מען געקומען לויפן דערציילן די בשורה, אז צו ביידע פרנסים זענען געבוירן געווארן קינדער, צו איינעם א יונגל, און צום צווייטן א מיידל... האבן זיי פארשטאנען אז דער בריוו פונעם בעל שם הק' איז טאקע ריכטיג. זיי האבן ארויסגעהאלפן דעם איד, און ער איז צוריק רייך געווארן.

### די תשובה פונעם עושר איז ענדליך נתקבל געווארן

די מעשה איז א באקאנטע, אבער איך וועל עס דערציילן ווי דער **טאהשער רבי** זצ"ל האט עס דערציילט:

איידער דער בעל שם טוב הק' איז נסתלק געווארן, האט ער געזאגט צו זיין תלמיד רבי יעקב, אז ער זאל ארומפארן פון שטאט צו שטאט דערציילן סיפורים פון אים - פונעם בעל שם הק' - און דורכדעם וועט ער האבן פרנסה.

רבי יעקב האט אויסגעפאלגט, ער איז ארומגעפארן דערציילן מעשיות. וכך הוה, מענטשן האבן אים געגעבן געלט.

איינמאל האט ער געהערט אז אין א געוויסע שטאט וואוינט א גרויסער עושר, וואס באצאלט א סכום הגון פאר יעדן איינעם וואס דערציילט אים א מעשה פונעם בעל שם הק'. רבי יעקב איז אהינגעפארן, און ווען ער איז אריינגעקומען, און געזאגט אז ער איז א תלמיד פונעם בעל שם טוב, און ער ווייסט צו דערציילן פילע מעשיות, האט זיך דער עושר זייער געפריידט, און אים איינגעלאדנט ער זאל זיין ביי אים אויף שבת.

פרייטאג צונאכטס ביים טיש זענען פילע מענטשן פון שטאט זיך צוזאמגעקומען צו הערן מעשיות פון בעל שם הק'. למעשה האט ער אלעס פארגעסן. ער האט זיך נישט געקענט דערמאנען קיין שום מעשה. מען האט אים געבעטן אפשר דאך, אדער עפעס וואס ער האט געטון מיטן בעל שם הק'. אבער ער האט זיך גארנישט געקענט דערמאנען.

האט ער געזאגט אז אפשר קומט דאס ווייל ער איז זייער מיד, ער האט זיך אזוי באמוטשעט אהערצוקומען, וועט ער זיך אביסל צוליגן, און מארגן וועט ער האבן מער ישוב הדעת, וועט ער זיך קענען דערמאנען מעשיות.

שבת בייטאג ביים טיש האט מען אים ווייטער געבעטן צו דערציילן, אבער ווייטער האט ער גארנישט געדענקט. ביי שלש סעודות האט זיך דאס זעלבע אפגעשפילט, ער האט זיך גארנישט געקענט דערמאנען.

ביי מלוה מלכה, ווען ער האט שוין געהאלטן פארן אהיימפארן, האט ער זיך דערמאנט א מעשה:

אמאל האט דער בעל שם טוב זיך ארויסגעלאזט אין וועג, און איך האב אים באגלייט. די פערד זענען געפארן מיט קפיצת הדרך, און זיי האבן זיך אפגעשטעלט אין א ווייטע שטאט ביים הויז פון א שניידער.

יענעם טאג איז אויסגעפאלן א גוי'אישע חגא. און דער ארטיגער בישאף האט געדארפט רעדן פאר די גוים א העסליכע דרשה, אנגעפילט מיט שנאת ישראל.

האט דער בעל שם טוב געזאגט פאר דער בעל אכסניא אז ער זאל גיין צום בישאף, נאך איידער ער הייבט אן צו רעדן, און אים זאגן אז דער בעל שם טוב רופט אים.

דער בעל אכסניא האט געהאט א געוואלדיגער פחד, אבער אז דער בעל שם הק' האט אים געהייסן גיין האט ער געגלייבט, ער האט זיך מחזק געווען און איז געגאנגען זאגן פארן בישאף אז דער בעל שם טוב רופט אים.

אזוויי דער בישאף האט דאס געהערט האט ער זיך אויפגעשטעלט און געגאנגען צום בעל שם טוב. ווען ער איז אנגעקומען האט זיך דער בעל שם טוב איינגעשפארט מיט אים אין זיין צימער א שטיק צייט.

צום סוף האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער בישאף איז געווען א איד וואס האט זיך גע'שמד'ט, רח"ל, און דער בעל שם טוב האט אים מחזיר בתשובה געווען.

אזוויי רבי יעקב האט געענדיגט דערציילן די מעשה, האט זיך דער בעל אכסניא אנגערופן: "איך בין געווען דער בישאף... און איך האב זוכה געווען תשובה צו טון דורכן כח פונעם בעל שם הק'. איך האב דעמאלס געפרעגט פון דעם בעל שם הק', וויאזוי וועל איך וויסן אז מיין תשובה איז נתקבל געווארן לרצון פארן אויבערשטן. האט ער מיר געענטפערט, אז ווען עס וועט קומען א איד און דערציילן די מעשה, וועסטו וויסן אז דיין תשובה איז נתקבל געווארן.

וועגן דעם בין איך גרייט געווען צו צאלן פאר יעדן וואס וועט מיר דערציילן א מעשה פונעם בעל שם טוב, ווייל איך האף און איך ווארט שוין אזויפיל יארן אז איינער זאל מיר קומען דערציילן די מעשה. זעט זיך אויס אז דאס וואס דו האסט פארגעסן די מעשה ביז יעצט, איז געווען ווייל מיין תשובה איז נאכנישט נתקבל געווארן הונדערט פראצענט. און אין דעם זכות וואס איך מהרהר בתשובה געווען אגאנץ שבת, האב איך זוכה געווען אז דו זאלסט זיך דערמאנען די מעשה, אז דו זאלסט מיר עס קענען דערציילן".

יעצט האט רבי יעקב פארשטאנען פארוואס דער בעל שם טוב האט אים געהייסן ארומפארן. דער עושר האט אים טאקע באצאלט א געוואלדיג גרויסן סכום, פארן ברענגען דעם סימן אז זיין תשובה איז נתקבל געווארן.

זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

***

# הרה"ק ר' יעקב יוסף מפולנאה זצ"ל

## בעמח"ס 'תולדות יעקב יוסף'

## (חלק ב')

### נישט געטראפן קיין נקודה וואס טויג נישט

אין ספר 'דמויות גדולי החסידות' ברענגט ער, אז הרה"ק ר' אהרן טיטוב'ער זי"ע האט געוואוינט אין פאבעליטש, איז ער אמאל געזעסן פארנט פון זיין הויז, האט ער געזען ווי אידן גייען דורך אויפן וועג קיין בארדיטשוב, האט ער זיי צוגערופן און געפרעגט: "וואס איז עפעס נייעס?" און ער האט זיי ווייטער געזאגט: "איר האט געהערט אז ס'איז בטל געווארן מלכות פוילן?" די מענטשן האבן זיך געוואונדערט ווייל זיי האבן גארנישט געהערט פון דעם.

האט זיי ר' אהרן טיטיוב'ער דערציילט: דער תולדות איז געגאנגען צו בי"ד של מעלה, און מרעיש עולמות געווען און פארפירט אין הימל, אז די מתנגדים האבן דן געווען זיין ספר צו פארברענען רח"ל, און אויף מלכות פוילן האט ער אויך מרעיש עולמות געווען,

ווייל זיי האבן אויסגעפירט די פסק אויף למעשה. האט ער געָטענה'ט אויבן אין הימל, אז מ'זאל בודק זיין זיין ספר א בלאט נאך א בלאט, זען צי מ'טרעפט דארט א זאך וואס טויג נישט. די בי"ד של מעלה האט מסכים געווען, מ'האט בודק געווען דעם ספר, און מ'האט גארנישט געטראפן דארט.

האט ער געהייסן מ'זאל עס נאכאמאל בודק זיין. כך הוה מען האט עס נאכאמאל בודק געווען און גארנישט געטראפן. האט ער געהייסן מ'זאל בודק זיין אלע נקודות אינעם ספר, צי ס'איז דא איין נקודה וואס איז געשריבן מיט א נישט ריינע כוונה. האט מען עס בודק געווען און מ'האט טאקע נישט געטראפן קיין איין נקודה וואס ס'האט נישט געטויגט.

האט ער געבעטן אויב אזוי זאל מען דן זיין אז די וואס האבן מוציא לעז געווען אויף דעם ספר זאלן רח"ל ווערן א כופר בעיקר, און מלכות פוילן וואס האבן מוציא געווען דעם דין לפועל זאל בטל ווערן. וכך הוה!

*

אין דעת משה פון א זון פונעם קאזניצער מגיד, אין פרשת ויגש, שרייבט ער: 'איך האב אליין געזען, אמאל איז דער טאטע דער קאזניצער מגיד געווען אין שטאט בראד, און ווען ער איז געגאנגען אויפן גאס און דורכגעגאנגען די הייזער האט ער זיך אפגעשטעלט ביי איין הויז און זיך געוואונדערט. האט מען אים געפרעגט וואס ער זעט עפעס ספעציעל אויף דעם הויז מער פון אנדערע הייזער? האט ער געענטפערט, אז ער קען נישט פארנעמען די טומאה פון דעם הויז.

מ'האט נישט פארשטאנען וואס ער מיינט, אבער שפעטער ווען מ'האט חוקר ודורש געווען, איז מען געוואויר געווארן אז אין דעם הויז האט מען רח"ל פארברענט דעם ספר הק' תולדות יעקב יוסף, וועגן דעם האט די הויז באקומען אזא טומאה וואס דער קאזניצער מגיד האט נישט געקענט סובל זיין.

## די דריי וואס ליגן אינעם אוהל הקדוש

דער ראחמיסטריווקא רבי זצ"ל חדב"ן האט דערציילט, אז אין די אוהל וואו דער תולדות ליגט, איז געווען א פחד אריינצוגיין, מ'האט מורא געהאט אהינצוגיין ווייל מ'האט געוואוסט אז דער תולדות איז געווען א שטארקע קפדן. די קינדער און אייניקלעך זענען יא אריינגעגאנגען.

האט ראחמיסטריווקא רבי דערציילט, אז זיין זיידע הרה"ק ר' נחומ'טשע ראחמיסטריווקא זצ"ל האט דערציילט, אז ער איז געווען אמאל אין פולנאה, און מ'האט אים געלאזט אריינגיין [ער איז געווען אן אייניקל, ווייל ער האט געשטאמט פונעם תולדות'ס איידעם הרה"ק ר' אברהם דוב פון חאמעלניק].

ווען ר' נחומ'טשע איז אריין, האט ער געזען אז די ווענט פונעם אוהל אין וואס דער תולדות ליגט, גייט זייער שיעף ארויס, האט ער געזען אז אינעם אוהל איז דא נאך א קבר. דאס איז אים געווען א געוואלדיגע פלא, ווער נאך ליגט אין אזא אוהל פון אזעלכע צוויי קדושים?

האט ער זיך נאכגעפרעגט ביי די זקנים, האט ער געהערט א מעשה פלא וואס שטייט אין די פינקס פון דער קהילה: איינמאל איז דער מוכיח פון פולנאה געווען אין בית החיים, האט ער געפילט זייער א שטארקע ריח טוב פון א חלק פון די בית החיים, האט ער געבעטן פון דער חברא קדישא אז ער וויל אפקויפן דעם חלקה פאר זיך, און דא וויל ער ליגן נאך זיין פטירה.

האבן זיי אים געענטפערט אז זיי קענען נישט, ווייל דאס האבן זיי שוין אפאר יאר צוריק פארקויפט פאר עפעס א איד. אזוויי ער האט דאס געהערט האט ער געוואלט וויסן ווער דער איד איז. ער האט זיך נאכגעפרעגט און געוואויר געווארן אז דאס איז א פשוט'ער איד וואס האט עס אפגעקויפט אפאר יאר צוריק, און זייט ער האט עס אפגעקויפט, גייט ער אהין אויף דעם פלאץ יעדע ערב ראש חודש, ער זאגט אויס תהלים בדמעות שליש, און ער איז דארט מפריש געלט פאר צדקה, און מיט דעם געלט גייט ער ארום דאס פלאץ, און דערנאך פארטיילט ער עס פאר צדקה. האט דער מוכיח פארשטאנען אז וועגן דעם האט די קרקע באקומען א שטארקע קדושה.

האט דער מוכיח געלאזט רופן דעם איד און אים זייער געבעטן ער זאל אים פארקויפן די חלקה און אים צוגעזאגט א גוטע פרייז. דער איד האט אבער בשום אופן נישט געוואלט, ווייל ער האט זיך מורא'דיג שטארק געפלאגט מכשיר צו זיין דעם פלאץ פאר נאך זיין אריכות ימים. ווען דער מוכיח האט אים שטארק מפציר געווען האט דער איד מסכים געווען מיט דעם תנאי, אז דער מוכיח זאל אים צוזאגן אז ווען ער וועט נפטר ווערן, זאל מען אים לייגן נעבן אים. האט דער מוכיח מסכים געווען, און אים געגעבן א כתב אז נאך די הונדערט און צוואנציג זאל מען אים לייגן נעבן אים.

כך הוה, דער מוכיח איז נפטר געווארן און מ'האט אים געלייגט אויף דעם חלקה. אפאר יאר שפעטער האט דער תולדות געוואלט אפקויפן א פלאץ נעבן דעם מוכיח. איז ער אויך געוואויר געווארן אז דער בעל הבית פון דער חלקה איז א פשוט'ער איד, איז ער אים געגאנגען בעטן ער זאל אים פארקויפן דעם פלאץ. האט דער איד גלייך ארויסגענומען דעם כתב וואו ס'שטייט אז דער מוכיח האט אים צוגעזאגט אז ער וועט ליגן נעבן אים.

האט אים דער תולדות געזאגט: "ווייסטו וואס, איך געב דיר נאך א כתב אז דו וועסט ליגן נעבן אונז". דער איד האט מסכים געווען, און דער תולדות האט אים געגעבן א כתב אז ווען דער איד וועט נפטר ווערן זאל מען אים לייגן נעבן זיי צוויי.

ווען דער תולדות איז נסתלק געווארן האט מען אים געלייגט נעבן דעם מוכיח. די מעשה איז אינגאנצן פארגעסן געווארן, און מ'האט געמאכט אן אוהל איבער די צוויי ציונים הקדושים.

אפאר יאר שפעטער ווען דער איד איז נפטר געווארן, האט מען געטראפן ביי אים די צוויי בריוון, ווען מ'איז אבער געקומען צו דעם אוהל אים צו באגראבן אינעווייניג, האט מען געזען אז ס'איז נישט דא קיין פלאץ פאר אים. האט ר' אברהם דוב חאמעלניקער - דער איידעם פונעם תולדות און דער ממלא מקום פון זיין שווער, געהייסן מ'זאל נעמען דעם נפטר מיט די צוויי בריוון און מ'זאל עס אריינלייגן אינעם אוהל, און ער האט געהייסן אז יעדער איינער זאל ארויסגיין פונעם אוהל, און געבעטן די צוויי צדיקים זאלן מקיים זיין זייער הבטחה.

ווען זיי זענען צוריק אריינגעקומען האבן זיי געזען די געוואלדיגע פלא, אז די וואנט האט זיך אוועקגעריקט, און ס'איז געווארן פלאץ פאר דעם איד. און טאקע דער איד איז באגראבן געווארן נעבן די צוויי צדיקים.

דער תולדות איז נפטר געווארן אלט זייענדיג הונדערט און זיבן יאר. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, און אן אריכות ימים פאר אלע אידן.

**תיקון טעות:** אינעם גליון פון פרשת אמור איז געשטאנען א מעשה אז הרה"ק ר' פינחס מאוסטילא זצ"ל האט אנגעהויבן פאסטן משבת לשבת, און דער זיידע דער מאור עינים האט זיך באוויזן צו אים וכו'. למעשה איז עס נישט געווען מיט אים נאר מיט א אייניקל פון דער מאור עינים הרה"ק ר' אברהם מסאדילקוב זצ"ל (א זון פון א איידעם פונעם מאו"ע הרה"ק ר' אברהם מקארשוב זצ"ל). ואתכם הסליחה.